## *אויב איר זענט א קרבן פון דאמעסטישע געוואלדטאטן, קענען די פאליציי און געריכט אייך העלפן.*

**וואס קען די פאליציי טון:**

*אייך העלפן טרעפן א פארזיכערטע פלאץ, אן ארט וואס איז אוועק פון די געוואלדטאטן.

*אייך לאזן וויסן וויאזוי דער געריכט קען העלפן אייך באשיצן פון די געוואלדטאטן.

*העלפן אייך און אייערע קינדער באקומען מעדיצינישע באהאנדלונג פאר סיי וועלכע וואונדן וואס איר האט באקומען.

*אייך העלפן באקומען נויטיגע חפצים פון אייער שטוב.

*אייך געבן קאפיעס פון פאליציי באריכטן איבער די געוואלדטאטן.

*אריינגעבן א קלאגע צום קרימינאלע געריכט, און אייך זאגן וואו אייערע לאקאלע קרימינאלע און פאמיליע געריכטן זענען.

**וואס קען דער געריכט טון:**

*אויב דער מענטש וואס האט אייך געשעדיגט אדער געסטראשעט איז א קרוב צו אייך דורך געבורט אדער הייראט, אדער איז איינער מיט וועמען איר האט געהאט א קינד, אדער איז איינער מיט וועמען איר האט אדער האט געהאט אן אינטימע פארבינדונג, דאן האט איר א רעכט צו נעמען אייער קעיס צום פאמיליע געריכט, קרימינאלע געריכט, אדער ביידע.

*די פארמס וואס איר דארפט זענען אוועילעבל פון די פאמיליע געריכט און די קרימינאלע געריכט.

*דער געריכט קען באשליסן צו צושטעלן א צייטווייליגע באפעל פון באשיצונג פאר אייך, אייערע קינדער, און סיי וועלכע עדות וואס פארלאנגען דאס.

*די פאמיליע געריכט קען צושטעלן אן אדוואקאט אייך צו העלפן אויב דער געריכט באשטימט אז איר קענט זיך עס נישט ערלויבן.

*די פאמיליע געריכט קען באפעלן צייטווייליגע טשיילד סופארט און צייטווייליגע קאסטאדי פון אייערע קינדער.

**ניו יארק געזעצן זאגן:** זענט איר א קרבן פון דאמעסטישע געוואלדטאטן? אויב איר דארפט יעצט הילף, קענט איר רופן 911 פאר די פאליציי צו קומען צו אייך. איר קענט אויך רופן א דאמעסטישע געוואלדטאטן האטליין. איר קענט האבן א געהיימע שמועס מיט אן אדוואקאט אויפן האטליין איבער הילף וואס איר קענט באקומען פון אייער קאמיוניטי, אריינגערעכנט: וואו איר קענט באקומען באהאנדלונג פאר אייערע וואונדן, וואו איר קענט באקומען שעלטער, וואו איר קענט באקומען שטיצע, און וואס איר קענט טוען צו זיין פארזיכערט. די ניו יארק סטעיט 24-שעה דאמעסטישע און געשלעכטליכע געוואלדטאטן האטליין נומער איז 1-800-942-6906. זיי קענען אייך געבן אינפארמאציע אין פיל שפראכן. אויב איר זענט טויב אדער הערט שוואך, רופט 711. דאס איז וואס די פאליציי קען טון: זיי קענען העלפן אייך און אייערע קינדער טרעפן א פארזיכערטע פלאץ אזוויי א פאמיליע אדער פריינט'ס הויז אדער א שעלטער אין אייער קאמיוניטי. איר קענט בעטן דעם אפיציר אייך צו נעמען אהין אדער העלפן אייך און אייערע קינדער טרעפן א פארזיכערטע פלאץ אין אייער קאמיוניטי. זיי קענען אייך העלפן זיך פארבינדן מיט א לאקאלע דאמעסטישע געוואלדטאטן פראגראם. זיי קענען אייך העלפן אנקומען צו א שפיטאל אדער קליניק פאר מעדיצינישע קעיר. זיי קענען אייך העלפן באקומען אייערע פערזענליכע חפצים. זיי מוזן אויספולן א באריכט וואס שילדערט דעם אינצידענט. זיי וועלן אייך געבן א קאפיע פונעם פאליציי באריכט איידער זיי פארלאזן דעם סצענע. עס איז אומזיסט. זיי קענען, און טיילמאל מוזן, ארעסטירן דעם מענטש וואס האט אייך געשעדיגט אויב איר זענט א קרבן פון א פארברעכן. דער ארעסטאנט קען ווערן פרייגעלאזט סיי ווען, דעריבער איז וויכטיג אז איר זאלט פלאנירן פאר אייער זיכערהייט. אויב מען האט אייך אביוז'ד אדער געסטראשעט, קענט איר בעטן די פאליציי אדער דיסטריקט אטוירני צו: אריינגעבן א קרימינאלע קלאגע קעגן דעם מענטש וואס האט אייך געשעדיגט. בעטן די קרימינאלע געריכט ארויסצוגעבן א באפעל פון באשיצונג פאר אייך און אייער קינד אויב די דיסטריקט אטוירני געבט אריין א קרימינאלע קעיס מיטן געריכט. אייך געבן אינפארמאציע וועגן אריינגעבן א פאמיליע אפענס פעטיציע אין אייער לאקאלע פאמיליע געריכט. איר האט אויך די רעכט צו בעטן די פאמיליע געריכט פאר א באפעל פון באשיצונג פאר אייך און אייערע קינדער. דאס איז וואס איר קענט בעטן די פאמיליע געריכט צו טון: אריינגעבן אייער פאמיליע אפענס פעטיציע דעם זעלבן טאג וואס איר גייט אין געריכט. אייער פארלאנג זאל געהערט ווערן אין געריכט דעם זעלבן טאג וואס איר געבט עס אריין אדער די נעקסטע טאג וואס דער געריכט איז אפן. נאר א ריכטער קען ארויסגעבן א באפעל פון באשיצונג. דער ריכטער טוט דאס אלס טייל פון א קרימינאלע אדער פאמיליע געריכט קעיס קעגן דעם מענטש וואס האט אייך געשעדיגט. א באפעל פון באשיצונג אינעם פאמיליע געריכט אדער אינעם קרימינאלע געריכט קען זאגן: אז דער מענטש זאל נישט האבן קיין שום קאנטאקט אדער קאמיוניקאציע מיט אייך דורך פאסט, טעלעפאן, קאמפיוטער אדער דורך אנדערע מענטשן. אז דער מענטש זאל אוועקשטיין פון אייך און אייערע קינדער, אייער היים, ארבעט אדער שולע. אז דער מענטש זאל אייך נישט אטאקירן, סעקירן, סטראשען, דערשטיקן, אדער דורכפירן אן אנדערע פאמיליע פארברעכן קעגן אייך אדער אייערע קינדער. אז דער מענטש זאל אריינגעבן זייער געוועהר און געוועהר לייסענסעס, און נישט באקומען נאך געוועהר. אז איר האט צייטווייליגע קאסטאדי פון אייערע קינדער. אז דער מענטש זאל באצאלן צייטווייליגע טשיילד סופארט. אז דער מענטש זאל נישט שעדיגן אייערע פעטס אדער סערוויס חיות. אויב דער פאמיליע באריכט איז פארמאכט ווייל עס איז ביינאכט, סוף וואך, אדער א האלידעי, קענט איר גיין צו א קרימינאלע געריכט צו בעטן א באפעל פון באשיצונג. אויב איר רעדט נישט ענגליש, אדער איר קענט עס נישט גוט רעדן, קענט איר בעטן די פאליציי, דעם דיסטריקט אטוירני, אדער די קרימינאלע אדער פאמיליע געריכט צוצושטעלן אן דאלמעטשער וואס רעדט אייער שפראך. דער דאלמעטשער קען אייך העלפן ערקלערן וואס האט פאסירט. איר קענט באקומען די פארמס וואס איר דארפט צו פאר א באפעל פון באשיצונג ביי אייער לאקאלע פאמיליע געריכט. איר קענט זיי אויך באקומען אנליין: www.NYCourts.gov/forms. איר דארפט נישט קיין אדוואקאט צו בעטן א באפעל פון באשיצונג. איר האט א רעכט צו באקומען אן אדוואקאט אין די פאמיליע געריכט. אויב דער פאמיליע געריכט באשטימט אז איר קענט זיך נישט ערלויבן צו באצאלן פאר אן אדוואקאט, מוזט איר דאס באקומען אומזיסט. אויב איר געבט אריין א קלאגע אדער פאמיליע געריכט פעטיציע, וועט איר ווערן געבעטן צו שווערן אז עס איז אמת, וויבאלד עס איז א פארברעכן צו אריינגעבן א לעגאלע דאקומענט וואס איר ווייסט אז עס איז פאלש. *(NYS קרימינאל ע פראצעדור געזעץ, טייל 530.11 (6))*

| | |
|---|---|
| **ניו יארק סטעיט**<br>**24 שעה דאמעסטישע און געשלעכטליכע**<br>**געוואלדטאטן האטליין**<br>**1-800-942-6906**<br>**ענגליש און ספאניש, מולטי-שפראך צוטריט**<br>**נאציאנעלע רילעי סערוויס פאר טויבע אדער שוואכע הער-קראפט: 711**<br><br>**ניו יארק סיטי** (אלע שפראכן)<br>**1-800-621-Hope (4673) אדער 311** | **געריכט אינפארמאציע**<br><br>ניו יארק סיטי – קרימינאלע געריכט אינפארמאציע<br>**1-646-386-4500**<br><br>צו באקומען געריכט אינפארמאציע פון אנדערע ערטער אין NYS,<br>בעט דעם אפיציר וואס קומט אן פאר געריכט נומערן, קוקט אין אייער<br>טעלעפאן דירעקטארי, אדער רופט דעם דאמעסטישע און געשלעכטליכע<br>געוואלדטאטן האטליין (1-800-942-6906) |

**קרבן אינפארמאציע און מעלדונג יעדן טאג (VINE)**

קרבנות קענען באקומען אינפארמאציע אנבאלאנגט זייער סטאטוס און פריילאזן דאטומען פון מענטשן איינגעזעצט אין שטאטישע טורמעס אדער לאקאלע טורמעס אין ניו יארק סטעיט. פאר מער אינפארמאציע וועגן דעם פראגראם און וויאזוי איר קענט זיך רעגיסטרירן, רופט

**www.vinelink.com אדער 1-888-VINE-4NY (1-888-846-3469)**

**סטעיטווייד אויטאמעטיעד קרבן אינפארמאציע און מעלדונג (SAVIN-NY)**

קרבן מעלדונג פראגראם וואס ערלויבט קרבנות פון דאמעסטישע געוואלדטאטן זיך צו רעגיסטרירן
און ווערן געמעלדן ווען א באפעל פון באשיצונג איז סערווירט געווארן.

**www.nyalert.gov**